מערכת
# בחצרות
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות קדשינו די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

פ' ויגש – כסליו, טבת | תשע"ב | מגילה: ד. = ו.

# באריכטן:

## מאנטאג

### שמחת הברי"מ בחצרות קדשינו

היינט אינדערפרי ארום 9:30 איז מרן רבינו שליט"א ערשינען אין בית מדרשינו הגדול אין בארא פארק ווי דער רבי שליט"א האט געדאווענט שחרית לכבוד די שמחת ברי"מ פונעם אור—אייניקל ווי נעכטן באריכטעט.

❧•☙

פארגאנגענעם ליל שב"ק האט מרן רבינו שליט"א געפראוועט שלחנו הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה לצעירים פון וויליאמסבורג. מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הגה"צ מ'נאנאש שליט"א, מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' לייבוש טייטלבוים שליט"א דומ"ץ ד'קרית וביהמ"ד ויואל משה.

די תוכן דברות קודש פון די תורה וועט אי"ה נאכפאלגן.

מיט קה אכסוף האט מרן רבינו שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' יואל האלבערשטאם שליט"א חתן הגה"צ אב"ד דקהלתינו ב"פ שליט"א, מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען בנו הגה"צ אב"ד דקהלתינו וומסב"ג שליט"א, און מיט קה רבון עלם האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הבה"ח הרב ליפא שליט"א בן הגה"צ אב"ד דקהלתינו מאנטריאל שליט"א.

עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פון הייליגן שינאווע רב זי"ע וועמענס הילולא עס געפאלט אין די קומענדיג טעג, און מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' דוד דוב מייזליש שליט"א בן הגה"צ מ'ווייטצען שליט"א.

די תוכן דברות קודש פון די תורה ביי שלש סעודות וועט אי"ה נאכפאלגן.

❧•☙

נעכטן – זונטאג אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול

אין קרית יואל ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר אברהם צבי משה בלומענפעלד הי"ו פון וויליאמסבורג.

אזויווי מרן רבינו שליט"א פאהרט אי"ה אויף אפרוה די קומענדיג וואך זונטאג פ' ויחי הבעל"ט, איז געמאלדן געווארן די זמני כניסה פאר די קומענדיגע טעג ווי פאלגענד:

מיטוואך נאכט וועט אי"ה זיין זמן כניסה בביתו נאוה קודש אויף אועהל קט. אין קרית יואל.

דאנערשטאג נאכט וועט אי"ה זיין זמן כניסה אין וויליאמסבורג בביתו נאוקה קודש אויף היוז סט.

מוצש"ק וועט אי"ה זיין זמן כניסה בביתו נאוה קודש אויף צאנז קט. אין קרית יואל.

## דינסטאג

נעכטן - מאנטאג אויפדערנאכט נאך די מסיבת לחיים און דברות קודש נאך די הדלקת נרות חנוכה איז דער רבי שליט"א ערשינען אין היכל השלחנות ווי עס איז פאהרגעקומען אן התוועדות מיט די אברכים פון חבורת ליל ששי ווי דער רבי שליט"א האט מאציל געווען ברכת קדשו פאר די חבורה, און דערנאך געוואונטשן לחיים.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – סניף ברך משה ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר חיים אלעזר ווערצבערגער הי"ו פון קרית יואל.

נאכ'ן דאווענען איז אפגעהאלטן געווארן א מסיבת לחיים לרגל די הרחבת גבולי הקדושה והוספת ספסלי ביהמ"ד מיט די פארגרעסערונג פונעם היכל הביהמ"ד פון ישיב"ג – סניף ברך משה נאך ווי דער ביז איצטיגער ביהמ"ד איז בליעה"ר געווען צר מהכיל פאר די פולע תלמידי הישיבה, ווי דער רבי שליט"א האט דערביי משמיע געווען דברות קודש אין וועלכער דער רבי שליט"א האט בתוה"ד ערווענט זיינע זכרונות ווען מיט געענוי 30 יאהר צוריק האט אביו מרן רביה"ק זי"ע בעל ברך משה באנייט די ביניני הישיבה הגדולה אין קרית יואל, און ווי דער רבי ז"ל איז שטענדיג געווען אדוק ומקשור מיט די בחורים הן מיט די תפילות און הן מיט פארהערן די לימודים.

## בקודש פנימה

אין די נאכמיטאג שעה'ן זענען די תלמידי ישיבת מקור תורה פון לעיקוואד אריין אל הקודש פנימה צו מרן רבינו שליט"א ווי זיי האבן געהאט די זכי' צו רעדן אין לערנען מיט'ן רבי'ן שליט"א אין פארשידענע מקצועות פון די סדרי הישיבה. דאן האט דער רבי שליט"א מאציל געווען ברכת הקודש פאר די בחורים.

אין די אווענט שעה'ן זענען די חברי הנהלת "עזרת חולים" ד'קרית יואל אריין אל הקודש פנימה לרגל דאס אויפנעמען א נייעם דאקטאר אינעם העלט צענטער, ווי דער רבי שליט"א האט באקומען באריכטן איבער די אנטוויקלונגען אינעם עזרת חולים און דערנאך געגעבן ברכת קדשו פאר די חברי ההנהלה.

ביי די הנרות פון מרן רבינו שליט"א היינט אויפדערנאכט נאך די זמירות האט מען כנהוג געזינגען מזמור שיר חנוכת הבית לרגל זאת חנוכה, און דערנאך האט דער רבי שליט"א פארטיילט מטבעות פאר די ילדי הת"ת וועלכע האבן געזינגען אין די כאר דוירכאויס די ליל חנוכה בצל הקודש.

בביתו נאוה קודש פון רבי'ן שליט"א זענען אריין אל הקודש פנימה די בחורים וואס פירן מיט ניגונים יעדן שב"ק ביים שלחן הטהור ווי דער רבי שליט"א האט זיי געגעבן ברכת קדשו און אויך מטבעות.

ജ•ഏ

## מסיבת מרעים פאר יוצאי ישבתיה"ק בני ברק אין לאנדאן

דעם חנוכה איז ווי יאהר יערליך אפגעראכטן געווארן א אייגענארטיגער מסיבת מרעים ווי די אברכים תושבי עיה"ב לאנדאן יוצאי ישיתיה"ק ישיבת מהרי"ט בבני ברק זענען זיך צוזאמענגעקומען אין שטוב פון פון האברך מוה"ר יואל שווארץ הי"ו ווי עס האט זיך באטייליגט הרה"ג ר' שמעי' לעוו שליט"א דומ"ץ וראה"כ דקהילתינו הק' וועלכער האט אויפגעטרעטן מיט דברי תורה ביי די מסיבה.

ജ•ഏ

## ניחום אבלים

ביי משפחת הנפטרת האשה החשובה מרת יוטל ליפשא ב"ר אהרן ווייזער ע"ה אלמנת הרה"ח ר' מאיר ע"ה, זיצט מען שבעה ביז ערש"ק נאכמיטאג.

מען זיצט שבעה אויף 173 וואלעבאוט סט. אין וויליאמסבורג.

ജ•ഏ

ביי משפחת הנפטרת האשה החשובה מרת חי' שרה יהודית ב"ר ישראל ע"ה פאלקאוויטש, אלמנת הרה"ח ר' מנשה ע"ה זיצט מען שבעה ביז זונטאג אינדערפרי.

מען זיצט שבעה אין איר שטוב אויף 5 פיללמאר קט. אין קרית יואל.

***ובלע המות לנצח***
***-בשורות טובות-***

ജ•ഏ

## מיטוואך

## זאת חנוכה בצל הקודש

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין היכל הישיבה גדולה - שיעור ד' לרגל זאת חנוכה, און נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א קובע מזוזה געווען אין די נייע צוגעלייגטע בנין פון די דארמיטארי וועלכער איז צוגעלייגט געווארן דעם זמן הלימודים צוליב די ריבוי התלמידים בלעיה"ר.

דערנאך איז אפגעהאלטן געווארן א פייערליכער מסיבת לחיים מיט די תלמידי הישיבה בראשות מרן רבינו שליט"א ווי עס זענען געזינגען געווארן ניגונים און דער רבי שליט"א האט דערביי פארטיילט מטבעות פאר די בחורים, און דערנאך

האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש – דברי התחזקות פאר די בחורים, ווי בתוה"ד האט דער רבי שליט"א ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פונעם טאג און אז מ'קען זיך אצינד אויסבעטן לטב לחיים ולשלם.

❧•❧

אין די מיטאג שעה'ן האט דער רבי שליט"א שורף געווען די פתילות פון חנוכה בביתו נאוה קודש.

❧•❧

אין די נאכמיטאג שעה'ן איז דער רבי שליט"א ערשינען צו שלחנו הטהור לרגל זאת חנוכה אין די זאלן פון אולם עקשטיין אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבות קטנות פון קרית יואל.

מיט מזמור שיר חנוכת האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' וואלף לאנדא שליט"א מנהל ישיב"ק חלק א', און דערנאך האט דער רבי שליט"א מאריך געווען בדברות קודש אין דברי פולפול ואגדה בענינא דיומא.

מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' שלמה זאבעל שליט"א מנהל ישיבה לצעירים.

❧•❧

## קהל יטב לב ד'סאטמאר-אנטווערפן שרייבט אונטער אין א גוטע שעה קאנטראקט מיט בוי קאמפאני'ס

מיט א פרייליכע געמיהט האבן אנשי שלומינו אויפגענומען די בשורה מרנינה אז דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג פ' מקץ האט די הנהלת קהלתינו הק' אין אנטווערפן יצ"ו, אונטערגעשריבן אין א גוטע שעה די בוי קאנטראקט מיט א בוי קאמפאני און מען גרייט זיך ב"ה אין די נאנטע וואכן אנצוהייבן מיט די פאקטישע בוי ארבייט.

די בוי פירמע האט זיך אונטערגענומען אהערצושטעלן אין א קורצע תקופה די ערשטע פאזע פון די בוי פראיעקטן דורך הנהלת קהלתינו אין אנטווערפען, וואס דאס נעמט אריין אין זיך: די "היכל בית המדרש הגדול", און אונטער איר די הערליכע "היכל התורה", און די פראכטפולע מקוה טהרה.

צוליב וואס ווי פארשטענדליך וועט די בוי ארבייט אריינציען אין פאנטאסטישע סכומים, וועלן אין משך פון די קומענדיגע חדשים פארקומען אין ניו יארק קלענערע און גרעסערע אקציע'ס, מיטן ציהל אויפצוטרייבן סכומים אדירים מנדבת לבם הטוב פון שלומי אמוני ישראל.

אזוי אויך וועט אין שטאט אנטווערפן פארקומען אין עטליכע וואכן ארום א גרויסן "דינער" לטובת די קרן הבנין.

***-פאלגט נאך ווייטערדיגע מעלדונגען-***

❧•❧

## הנהלת כולל דברי יואל — בית שמש קומט ארויס קיין ניו יארק לטובת דעם כולל

אין די טעג קומען די הנהלת ועסקני הכולל דברי יואל פון בית שמש ארויס צום ערשטן מאל קיין

אויסלאנד רייף צו מאכן דעם שטח אויף א גרויסארטיגער קאמפיין, וואס זיי פלאנען אפצורעכטן אין די קומענדיגע מאנאטן.

אינעם שפיץ פון די משלחת שטייט דער ערנערגישער מנהל הכולל ועסקן נמרץ הר"ר שמעון עזרא סאנדער הי"ו. ר' שמעון עזרא, וואס איז נישט קיין פנים חדשות ביים היימישן ציבור אין אויסלאנד, וועט אין די טעג זיצן מיט די הנהלת הקהילה אין וויליאמסבורג, בארא פארק א.נ. איבער פלענער וויאזוי איינצופעדימען נייע עסקנים, כוחות, וואס וועלן שטייען צו די רעכטע האנט ביים גרויסן קאמפיין לטובת דער כולל דברי יואל אין בית שמש.

גלייכצייטיג וועט ער אויך איבערגעבן א לעבעדיגער באריכט פון די פעולות איבער'ן כולל און די אנטוויקלונגען פון די קהילה, וואס האט זינט דער עפענונג פונעם כולל אויפגעלעבט און אויך דערציילן איבער די פלענער אויפ'ן צוקונפט וויאזוי צו פארגרעסערן און פארשטערקערן און פארשענערן די קהילה.

***-הכונו למגבית אדירה!-***

&•&

## דאנערשטאג

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – סניף דברי יואל ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר אברהם וואלף פריעדמאן הי"ו פון קרית יואל. נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געזאגט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

דערנאך איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד להר"ר איתמר מייזליש שליט"א פון קרית יואל.

&•&

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:

BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.